**גאווערנער קעטי האקול** **איף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/31/2025

**גאווערנער האקול'ס בריוו צו סעקרעטארשע פון הײמלאנד זיכערהייט: געבט ארויס FEMA אינטעליגענץ פינאנצירונג צו פארזיכערן ניו יארק סיטי מעטרא געגנט**

***אזוי וויניו יארק סיטי בלייבט א הויכע-שטאפל ציל - ווי עס איז געווארן אויפגעוויזן דורך די מיד-טאון שיסעריי - טוט די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט פארפעלן ארויסצוגעבן קריטישע פינאנצירונג***

***קריטישע הילפסמיטלען ערמעגליכן פארמערטע אינטעליגענץ אנאליז מעגליכקייטן, העכערן מעגליכקייטן ווען נייע דראונגען ווערן אידענטיפיצירט און פארבעסערן די זאמלונג פון אינטעליגענץ***

***[א קאפיע פונעם בריוו איז דא צו באקומען דא]()***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט ארויסגעגעבן א [בריוו צו די אמעריקאנער דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט סעקרעטאר (Kristi Noem) (קריסטי נויעם)]() צו פאדערן ארויסגעבן די פינאנצירונג פאר די שטאטישע געגנט זיכערהייט איניציאטיוו (Urban Area Security Initiative, UASI) דורך די היימלאנד זיכערהייט גרענט פראגראם (Homeland Security Grant Program, HSGP) נאכפאלגנדיג די מאסן שיסעריי אין מיד-טאון מאנהעטען מאנטאג אוונט.

UASI פינאנצירונג איז קריטיש פאר אויפצובויען אינטעליגענץ אנאליז מעגליכקייט אינערהאלב די NYPD, צו ערמעגליכן מער מעגליכקייטן ווען נייע דראונגען ווערן אידענטיפיצירט און צו ערלויבן די NYPD צוזושטעלן פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג מיטארבעטער מיט די אינטעליגענץ זאמלונג און אנאליז מעגליכקייטן דורכאויס גרויסע נאציאנאלע ספעציעלע זיכערהייט פאסירונגען. UASI שטיצט אויך א גרויסע אויסוואל פון זיכערהייט איניציאטיוון וואס ווערן אויסגעפירט דורך געזעץ אינפארסירונג און פובליק זיכערהייט אגענטורן לענגאויס וועסטשעסטער (Westchester), נאסאו (Nassau) און סופאלק (Suffolk) קאונטיס.

עלימינירן די פינאנצירונג - וואס [איז געוועזן א סך הכל פון 156.1 מיליאן דאלער פאר ניו יארק אין 2024]() - וואלט געמאכט אז ניו יארקער זאלן שטענדיג זיין ווייניגער פארזיכערט ווען ניו יארק סיטי בלייבט א הויכע-שטאפל ציל פאר געצילטע גוואלדטאטן. ניו יארק סיטי, די פארט אויטאריטעט פון ניו יארק און ניו דזשערזי (Port Authority of New York and New Jersey), סיטי אוו יאנקערס (City of Yonkers) און נאסאו, סופאלק און וועסטשעסטער קאונטיס האבן אלע באקומען שענקונגען דורך די פינאנצירונג.

די פולע נוסח פון די בריוו איז ווי פאלגנד:

*לכבוד סעקרעטארשע Noem (נאָום):*

*אלץ גאווערנער, איז האלטן ניו יארקערס פארזיכערט מיין העכסטע פריאריטעט. פאר צענדליגע יארן האט ניו יארק געארבעט צוזאמען מיט די פעדעראלע רעגירונג, ספעציעל אייער אגענטור, צו שאפן היימלאנד זיכערהייט און קאונטער טעראריזם באמיאונגען אין ניו יארק סיטי און לענגאויס ניו יארק סטעיט.*

*אויף מאנטאג, איז נאכאמאל געווארן קלארגעשטעלט אז ניו יארק סיטי איז נאכאלץ א הויכע-שטאפל ציל פאר געצילטע גוואלדטאטן. פיר ניו יארקער זענען געווארן געהרגעט, אריינגערעכנט א NYPD אפיציר, אין מיד-טאון מאנהעטען. די פאראנטווארטליכע אטאקירער איז געקומען צו פארן די גאנצע וועג פון נאוואדע (Nevada) צו אונזער פאלק'ס גרעסטע הויפט-שטאט צו באגיין זיין שוידערליכע אקט.*

*אייער דעפארטמענט האט שוין פאר א לאנגע צייט אנערקענט אז שטארק באוואינטע שטאטישע געגנטער שאפן א ספעציפישע און אייגנארטיגע ציל פאר טעראריזם און געצילטע גוואלדטאטן און אז עס זענען דא אייגנארטיגע געברויכן און שוועריגקייטן צו זיין מאכן פארזיכערט. פונדעסטוועגן, אונטער אייך, האט די דעפארטמענט פון היימלאנד זיכערהייט פארפעלט ארויסצוגעבן די פינאנצירונג פאר די שטאטישע געגנט זיכערהייט איניציאטיוו (UASI).*

*מיר ווייסן פון פובליק באריכטן אז עקטינג FEMA אדמיניסטראטאר David Richardson (דעוויד ריטשארדסאן) האט געשיקט א נאטיץ צום ווייסן הויז אז איר האט באשטעטיגט צו רעקאמענדירן צו עלימינירן UASI. אין יענע נאטיץ, האט די עקטינג אדמיניסטראטאר צוגעשטימט אז צו עלימינירן די פינאנצירונג וועט פאראורזאכן "א וויניגער פארזיכערטע לאנד, ספעציעל ביים גרעניץ און אין טייל פון די לאנד'ס מערסט געצילטע שטעט, אריינגערעכנט מיאמי (Miami), וואשינגטאן די סי ( Washington DC), און דאלאס (Dallas)...". ניו יארק סיטי איז די לאנד'ס מערסט געצילטע סיטי ווען עס קומט צו טעראריזם דראונגען.*

*עלימינירן די פינאנצירונג - וואס איז געווען א סך הכל פון מער ווי 553 מיליאן דאלער אין 2024, פון וואס 156.1 מיליאן דאלער איז געגאנגען צו ניו יארק - וועט מאכן ניו יארקער וויניגער פארזיכערט, שעדיגן די NYPD'ס באמיאונגען צו באקעמפן טעראריסט דראונגען און רעדוצירן אינטעליגענץ אינפארמאציע וואס ווערט מיטגעטיילט צווישן לאקאלע, סטעיט און פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג אגענטורן. די פינאנצירונג איז קריטיש פאר אויפצובויען אינטעליגענץ אנאליז מעגליכקייט אינערהאלב די NYPD, צו ערמעגליכן מער מעגליכקייטן ווען נייע דראונגען ווערן אידענטיפיצירט און צו ערלויבן די NYPD צוזושטעלן פעדעראלע געזעץ אינפארסירונג מיטארבעטער מיט די אינטעליגענץ זאמלונג און אנאליז מעגליכקייטן דורכאויס גרויסע נאציאנאלע ספעציעלע זיכערהייט פאסירונגען - אלע צילן וואס ביז יעצט זענען מיר געווען זיכער א אונזער פעדעראלע מיטארבעטער האבן מיטגעטיילט מיט אונז.*

*אויף מאנטאג, אין די זעלבע טאג פון די גרעסטע געצילטע אטאקע, האט אייער אגענטור ארויסגעגעבן עטליכע היימלאנד זיכערהייט צושטייטונג גרענטס וואס מיר האבן ערווארטעט צו באקומען אין מאי. פונדעסטוועגן, האט איר פארפעלט צו אויך ארויסצוגעבן UASI - די גרענט וואס איז ספעציעל געאייניגט צו באשיצן די לאנד'ס העכסטע שטאטישע טעראריסט צילן.*

*נאך פארשפעטונגען אין ארויסגעבן די UASI וועט ערגער מאכן אונזער לאנד'ס מעגליכקייט צו באשיצן אונזער שטאטישע צענטערן אריינגערעכנט אונזער מעגליכקייט צו האלטן ניו יארקער פארזיכערט. איך מוטיג אייך צו ערפילן אייער פליכט צו באשיצן אלע אמעריקאנער און צו זאפארט ארויסגעבן UASI פינאנצירונג.*

*אונטערגעשריבן,*
*גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול)*

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן